בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

**שמות**

**כ"א טבת תשפ"ו**

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:17 |
| מוצש"ק | 5:33 |
| ר"ת | 6:11 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:25 | סוז"ת א' | 9:32 |
| סוזק"ש ב' | 9:10 | סוז"ת ב' | 10:02 |

גליון מס':
קס"ח
שנה ד'

## טיב הפרשה

# א טיפערער בליק אויף א זאך

## וירא בסבלותם

אין פרשת שמות לערנען מיר אז משה רבינו איז ארויס צו זיינע ברידער אין מצרים און זיך אומגעקוקט אויף די ליידן און אויף די פיין וואס זיינע אידישע ברידער זענען אריבער.

רש"י אויפ'ן ארט לייגט אראפ ווי אזוי דער 'וירא בסבלותם' איז צוגעגאנגען, אז עס איז נישט געווען א פשוטער שפאציר צווישן די אידן, נאר עס איז געווען א באזוך מיט הארץ, משה רבינו האט דערביי געגעבן זיין הארץ און זיינע אויגן פאר די אידן און ווי עס איז דער לשון פון רש"י, נתן עיניו ולבו להיות מיצר עליהם.

פון רש"י'ס ווערטער באקומט מען א שטיקל הדרכה ווי אזוי א איד דארף צוגיין צו א צרה וואס עס גייט אריבער אויף א איד.

ביי אסאך אידן איז ליידער מצוי אז מען הערט א צרה פון א איד, מען געבט א קרעכץ, מען ווייזט ארויס מיטגלייד, אבער מען גייט ווייטער.

אין די ווערטער פון רש"י זעט מען אז נישט אזוי דארף זיין די בליק פון א איד אויף א צרה פון א צווייטן איד. ווען א איד הערט א צרה פון א צווייטן איד דארף ער זיך פירן ווי משה רבינו האט זיך געפירט. ער דארף געבן זיין אויג, זיין הארץ פאר די צרה, להיות מיצר עליהם, עס זאל אים ווײ טון, ער זאל דאווענען פאר איר, ער זאל זיך מקבל זיין א קבלה טובה אז עס זאל זיין לטובה פאר דעם איד.

אין די ווערטער פון רש"י זעט מען אויך ווי אזוי רש"י בינדט צו די הארץ מיט די אויג אז מיט ביידע פון זיי זאלן מען אנקוקן א טראגעדיע פון א צווייטן איד, ווייל די שלימות אפצולערנען א זאך ריכטיג איז נאר אז מען נוצט ביידע חושים צוזאמען.

די איינפלוס וואס די צוויי גלידער האבן אויפ'ן מענטש, זעט מען ביי קריאת שמע. די תוה"ק ווארענט אן א איד אז די קדושה הייבט זיך אן ביי די אויגן, ווייל די הארץ ווערט נאכגעשלעפט נאך די אויג.

עס איז משפיע אויף די קדושה פון א איד און עס איז אויך משפיע אויף א איד ווען עס קומט צו ווערן איבערגענומען פון די ווייטאג פון א צווייטער איד. דער שליסל זיך אריינצולייגן אין די הארץ פון א צווייטן איד און ווערן איבערגענומען פון איר, וועט נאר זיין אויב ער ארבעט מיט ביידע גלידער, סיי מיט'ן אויג און סיי מיט'ן הארץ.

די תורה הק' רעדט דא ארום ווי אזוי משה רבינו האט אנגעקוקט די צרות פון אידן, אבער דער רש"י איז א וועגווייזער פאר דאס לעבן פון א איד. עס טרעפט זיך אפט אז מען הערט א ווארעמע התעוררות'דיגע דרשה און דער הארץ ווערט אויפגעפלאקערט פון איר, דער איד ווערט נתעורר, אבער עס גייט אריבער עטליכע שעה, אדער עטליכע טעג און די התעוררות וועפט אויס, דאגעגן איז דא אידן, ביי וועמען די התעוררות בלייבט אויף אייביג.

ווען מען איז זיך מתבונן אין דער הבדל צווישן די צוויי אידן,

## טיב המערכת

# קַבֵּל הָאֱמֶת מִמִּי שֶׁאֲמָרָהּ

אויף די ווערטער פונעם פסוק 'וַיֵּלֶךְ אִישׁ מִבֵּית לֵוִי' וגו', ברענגט די גמרא ווי פאלגנד: לְהֵיכָן הָלַךְ? אָמַר רַב יְהוּדָה בַּר זְבִינָא: שֶׁהָלַךְ בַּעֲצַת בִּתּוֹ. תָּנָא: עַמְרָם גְּדוֹל הַדּוֹר הָיָה, כֵּיוָן שֶׁרָאָה שֶׁאָמַר פַּרְעֹה הָרָשָׁע 'כָּל הַבֵּן הַיִּלּוֹד הַיְאֹרָה תַּשְׁלִיכֻהוּ' אָמַר: לַשָּׁוְא אָנוּ עֲמֵלִין! עָמַד וְגֵרֵשׁ אֶת אִשְׁתּוֹ, עָמְדוּ כּוּלָּן וְגֵרְשׁוּ אֶת נְשׁוֹתֵיהֶן. אָמְרָה לוֹ בִּתּוֹ: אַבָּא, קָשָׁה גְּזֵרָתְךָ יוֹתֵר מִשֶּׁל פַּרְעֹה, שֶׁפַּרְעֹה לֹא גָּזַר אֶלָּא עַל הַזְּכָרִים וְאַתָּה גָּזַרְתָּ עַל הַזְּכָרִים וְעַל הַנְּקֵבוֹת! פַּרְעֹה לֹא גָּזַר אֶלָּא בָּעוֹלָם הַזֶּה וְאַתָּה בָּעוֹלָם הַזֶּה וְלָעוֹלָם הַבָּא! פַּרְעֹה הָרָשָׁע, סָפֵק מִתְקַיֶּימֶת גְּזֵרָתוֹ סָפֵק אֵינָהּ מִתְקַיֶּימֶת, אַתָּה צַדִּיק בְּוַדַּאי שֶׁגְּזֵרָתְךָ מִתְקַיֶּימֶת, שֶׁנֶּאֱמַר: 'וְתִגְזַר אֹמֶר וְיָקָם לָךְ'! עָמַד וְהֶחְזִיר אֶת אִשְׁתּוֹ, עָמְדוּ כּוּלָּן וְהֶחֱזִירוּ אֶת נְשׁוֹתֵיהֶן.

לאמיר זיך מתבונן זיין אין די איינצלהייטן פון די מעשה, און פון דעם וועלן מיר זען וואס ענוה מיינט. אט די מעשה איז דאך געשען נאר צום געבורט פון משה רבינו, און פון ווען משה איז געבוירן געווארן איז געווען אכציג יאר, און וויבאלד די אידן זענען געווען אין מצרים צוויי הונדערט און צען יאר, קומט אויס אז דאס איז פארגעקומען נאכדעם וואס זיי האבן געוויילט הונדערט און דרייסיג יאר אין מצרים, קומט אויס אז יוכבד וועלכע איז געבוירן געווארן צווישן די מויערן פון מצרים גלייך ווען יעקב איז דארט אנגעקומען, איז דעמאלטס געווען הונדערט און דרייסיג יאר אלט, און אזוי ווי יוכבד איז געווען א זְקֵנָה מֻפְלֶגֶת איז אויך איר מאן עַמְרָם געווען א זָקֵן מֻפְלָג, און ווער איז געווען דער וואס מכח אירע ווערטער איז ער נתעורר געווארן צו טוישן זיין מיינונג, דאס איז געווען זיין יונגע טאכטער מרים, וואס אין דער זעלבער צייט איז זי געווען בלויז צוויי יאר אלט, ווייל מרים איז נאר געווען צוויי יאר עלטער ווי משה.

זעען מיר פון דעם, אז טראצדעם וואס עמרם איז געווען דער גדול הדור און זקן מופלג, איז ער גרייט געווען צו מודה זיין ברבים אויף זיין טעות, טראצדעם וואס די וואס האט אים מעורר געווען דערצו איז נאר געווען צוויי יאר אלט, האט דער צדיק געוואוסט אז די אויגן פון גאנץ כלל ישראל קוקן ארויס אויף אים, און אין די פארגאנגענהייט האבן אלע אידן גע'גט זייערע פרויען אזוי ווי אים, און אויב וועט ער יעצט צוריקציען וועט דאס זיין פאר אים א גרויסער בזיון, פונדעסטוועגן האט ער דאס געטון און ער האט מודה געווען אויף זיין טעות אין פארנט פון גאנץ כלל ישראל.

וויפיל מוסר השכל איז דאס פאר א מענטש, אז מען זאל אננעמען א באמערקונג פון יעדן איינעם, און אפילו פון איינער וואס איזי ונגער פון אים, און דער מענטש זאל וויסן אז אויך איינער וואס איז יונגער פון אים קען צומאל פארשטיין עפעס בעסער ווי אים אין געוויסע ענינים, און מען זאל געדענקען די ווערטער פון אונזערע הייליגע חכמים וואס האבן געזאגט 'קַבֵּל הָאֱמֶת מִמִּי שֶׁאֲמָרָהּ'.

(עפ"י טיב התורה – שמות)

טיב
הודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

פארשטייט מען נישט ווי אזוי קען עס זיין אז איינער איז אנגעקומען אזוי ווייט פון די התעוררות און דער צווייטער איז געבליבן וואו ער איז אויך נאכ'ן אריינגעמען די התעוררות אין זיך.

די קשיא ווערט שווערער נעמענדיג אין באטראכט אזביידע אידן זענען אייניג געשטאנען ביי דער זעלבער מעמד און האבן געהאט די זעלבע התעוררות, און פארוואס איז איינער אנגעקומען מיט איר אזוי ווייט און ביי דעם צווייטן האט עס נישט געהאט קיין איינפלוס?

די תשובה צו די קשיא ליגט אין דעם רש"י. אין די ווערטער פון רש"י לערנט מען זיך אויס א יסוד אויף כל התורה כולה, אז די שליסל אז די זאכן זאלן אריינגיין אין דער מענטשליכער הארץ און צוברענגען דעם מענטש צו ענדערן זיינע מעשים, ליגט אין דער געדאנק פון 'נתן עיניו ולבו'.

נאר ווען מען געבט זיך איבער פאר די זאך, אז עס איז מיט אלע אברים און עס איז א מסירה מיט ביידע גלידער די 'עין ולב', איז די קבלה א שלימות'דיגע קבלה.

איך האב אינזינען געהאט אז מיט דער יסוד פארשטייט מען אויך וואס עס שטייט אין פסוק 'ותרד בת פרעה לרחוץ על היאור'.

חז"ל זענען מגלה אז די כוונה פון פרעה'ס טאכטער איז געווען זיך מתגייר צו זיין און ווערן אן אידענע און זיך אנשליסן אין כלל ישראל.

דער מדרש איז א פלא עצום. מען קען עס נישט פארשטיין. אין יענע יארן איז כלל ישראל געווען בשפל המצב. מען האט זיי געפייניגט און געשלאגן, מען האט געארבעט מיט זיי, מען האט צוגערויבט זייערע קינדער און זיי אריינגעלייגט אין די ווענט, און דא קומט פרעה'ס טאכטער און וויל ווערן א איד? ווי אזוי קען עס זיין? מילא ווען כלל ישראל איז געווען ברום המעלה אין ירושלים עיה"ק קען מען עס נאך פארשטיין, אבער אין מצרים - ווי אזוי איז אזא זאך מעגליך?

אבער מיט דער פריערדיגער יסוד קען מען עס פארשטיין.

וואלט ווען די בת פרעה געקוקט מיט איר אויבערפלעכליכן בליק אויף כלל ישראל און געזען ווי אזוי כלל ישראל זעט אויס, וואלט זי זיכער באשלאסן אוועקצושטיין פון כלל ישראל און וואלט זיך נישט דערנענטערט צו זיי, אבער די בת פרעה האט געקוקט מיט א טיפערן און א דורכדרינגליכער בליק און געזען די פנימיות פון כלל ישראל און קעגן דעם די נידריגקייט פון די מצרים און זיך פארעקעלט פון די מצרים און זיך געוואלט אנקלעבן אין כלל ישראל זעענדיג זייער איידלקייט, די העבערקייט, די לויטערקייט, אויך אין אזא שווערע זמן.

ביי יעדן איד איז דא די בחירה ווי אזוי אנצוקוקן א זאך. מיט אן אויבערפלעכליכער בליק איז דא זאכן וואס זעען אויס נישט גוט און מאכן א שווערן איינדרוק, אבער אז מען איז זוכה און מען גייט אריין טיף אין די זאך קומט ארויף אן אנדערע בילד, און מען הייבט אן קוקן אויף זאכן אנדערש.

עס איז ידוע אז נאך די ביטערע קריג האבן אסאך אידן געהאט שאלות אין די אמונה. די שאלות האט זיי געפירט אז זיי זאלן אפלאזן אידישקייט און גיין אין די וועגן פון די אומות העולם.

עס איז מיר אמאל אויסגעקומען צו באגעגענען א איד וואס איז איידער די קריג געווען פארכאפט אין די פרייע ווינטן וואס האבן דאן געבלאזן און איז געווען א פורק עול און א מחלל שבת, אבער נאך די קריג האט ער תשובה געטון און האט זוכה געווען אויפצושטעלן אן ערליכער אידישער שטוב.

טרעפנדיג דעם איד, האב איך אים א פרעג געגעבן ווי אזוי קען זיין אזא זאך? אין די צייט וואס ביי אסאך אידן האט די קריג געפירט צו די פארקערטע ריכטונג, האט עס דיר געפירט צו ווערן אן ערליכער איד?

די תשובה וואס דער איד האט געענטפערט איז געווען באגייסטערנד. דער איד האט געגעבן צו פארשטיין די נקודה. ער האט דערציילט אז ביי די קריג צוזעענדיג די גרויסע צרות האט ער זיך מתבונן געווען וואס עס גייט דא פאָר. ער האט געזען ווי אזוי די דייטשן ימש"ו פייניגן די אידן און פארלייגן זיך אויסצורייסן יעדן איד, אפילו א איד וואס איז געווען אזוי ווייט פון אידישקייט, און זיך אפגעלערנט פון דעם די גרויסקייט פון א איד און איר כח און עס האט משפיע געווען אויף אים אז ער זאל זיך צוריקקערן צו די ערליכע וועג.

מען זעט פון דעם די גרויסע כח פון התבוננות, אז אויך אין א צייט ווען אנדערע נייגן זיך אפצולערנען א זאך מיט א שוואכע בליק, וועט אבער א טיפערע בליק ברענגען א בעסערע און א שענערע תוצאה.

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל מצליח זיין און קענען ריכטיג און גוט אנקוקן א זאך און אז דאס זאל ברענגען די ריכטיגע תוצאה, און אז מען זאל קענען דורך איר שטייגן בעבודת ה' מעלה מעלה.

## טיב ההשגחה

### מעשיות אויף השגחה פרטית
### געשריבן הזך לייענערס

# א קול קורא פון הימל

פאר לאנגע יארן דין איך אלץ א לערערין אין א לאקאלע קינדערגארטן.

די קינדער גייען און קומען, און ברוך ה' אז די עלטערן זענען זייער צופרידן פון די ארבעט.

עס האט זיך געמאכט אז איינע פון די קינדער האט א שטיק צייט געליטן פון שווערע בויך ווייען. די מאמע האט איר גענומען צו די דאקטאר אויף אן אונטערזוכונג, אבער די דאקטוירים האבן אוועקגעמאכט די ווייטאגן זאגנדיג אז דאס איז א ווירוס, אז עס וועט אריבערגיין.

דאס קינד האט געליטן. צומאל האט זי ממש נישט געקענט צו זיך קומען פון ווייטאג. מיטהאלטנדיג די איבערלעבעניש האב איך געשטופט די מאמע אז זי זאל אונטערזוכן דאס קינד. די מאמע איז געגאנגען מיט איר אויף אן אונטערזוכונג, און מען האט ליידער געטראפן ביי דאס קינד א געוויקס רח"ל.

די מאמע מיט'ן קינד האבן אנגעהויבן גיין אין שפיטאל אויף באהאנדלונג. דאס קינד איז אריבער שווערע צייטן און שווערע באהאנדלונגען. די מאמע איז אפגעזעסן לאנגע טעג אין שפיטאל און נישט געקענט צו זיך קומען פון די שווערע צייטן.

זייענדיג שטארק געבינדן צו דאס קינד, פלעג איך איר גיין באזוכן אין שפיטאל.

דאס קינד איז נישט געווען רואיג אין שפיטאל נאר ווען איך בין געווען דארט אדער די מאמע.

איין טאג קלינגט מיר די מאמע, בעטנדיג אז איך זאל איר קומען טוישן.

איך האב נישט געקענט אפזאגן די מאמע, איך בין געקומען אין שפיטאל און געווילט מיט'ן קינד. דאס קינד האט זיך זייער געפרייט צו מיר. מען האט צוזאמען פארברענגט לאנגע שעה'ן, די זייגער איז געלאפן, איך האב דאך א שטוב צו פירן, איך האב זיך געמוזט שיידן פון איר, אבער זי האט אנגעהויבן וויינען און זיך איינבעטן אז איך זאל איר נישט פארלאזן.

מען האט מיר געדארפט פון שטוב, די קינדער האבן געדארפט אז איינער זאל זיי לייגן שלאפן, אבער דא שטייט א קינד און בעט זיך איין אז איך זאל בלייבן מיט איר.

דאס קינד איז געווען אין די הדסה שפיטאל און איך וואוין אין בית שמש, לויט מיין חשבון דארף איך נעמען כאטש דריי שטאטישע באסעס ביז ווען איך קום אן אין שטוב.

איך האב נישט געקענט ביישטיין אירע טרערן, איך האב באשלאסן אז כ'בלייב.

איך בין געבליבן מיט איר, מען האט גערעדט און פארברענגט, ביז ווען זי איז אריינגעפאלן אין א טיפער שלאף.

זעענדיג אז זי שלאפט און וויסנדיג אז אנדערע זענען מיט איר בין איך ארויס פון צימער און זיך געגרייט אהיימצוגיין.

איך האב יעצט געדארפט אנהייבן א לענגערע וועג פון באסעס וואס זאלן מיר פירן קיין בית שמש.

איך האב זיך געגרייט אז די מעשה וועט נעמען כאטש צוויי שעה, אבער פלוצלונג העראיך ווי איינער רופט אויס צי עס איז דא איינער וואס וויל פארן קיין בית שמש. איך געב א קוק און כ'זעה אז עס איז א שכן וואס וואוינט אין מיין גאס.

איך האב זיך אריינגעזעצט אין די קאר און 35 מינוט שפעטער בין איך שוין געווען ביי מיר אין שטוב.

פון הימל האט מען מיר געוויזן אז פון העלפן א צווייטן דערלייגט מען נישט, מען פארדינט נאר, און אז די צייט וואס איך בין געבליבן ביי איר האב איך געשפארט די אנדערע צייט.

[דערציילט דורך די בעלת המעשה: ג.ר.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

דארף מען פארשטיין, ווייל צום ערשט שטייט אין פסוק ״אֶהְיֶ-ה אֲשֶׁר אֶהְיֶ-ה״, און נאכדעם שטייט נאכאמאל ״אֶהְיֶ-ה שְׁלָחַנִי אֲלֵיכֶם״, אבער עס שטייט נישט נאכאמאל ׳אֲשֶׁר אֶהְיֶ-ה׳. אויך דארף מען פארשטיין וואס איז דער מיינונג פונעם שם ״אֶהְיֶ-ה אֲשֶׁר אֶהְיֶ-ה״. די ווערטער פון **רש״י ז״ל** איז ידוע, און דברי תורה איז כְּפַטִּישׁ יְפוֹצֵץ סֶלַע מִתְחַלְּקִים לְכַמָּה טְעָמִים.

זאגט דער הייליגער **שפת אמת זצוק״ל** (און עס ווערט געברענגט דורך זיין הייליגער זון אין זיין ספר אמרי אמת אין די פרשה פון די וואך) אין די כוונה פונעם שם ״אהיה״, אז דאס מיינט צו זאגן אז אויך ווען א איד איז נישט מיטן שְׁלֵמוּת הָרָאוּי, און ער איז מקבל אויף זיך צו תשובה טון, און ער זאגט צו אז ׳אהיה׳, איך וועל זיין גוט אינעם צוקונפט – טוט השי״ת אים אננעמען בתשובה און ער ענטפערט אים, אויך איך ׳אהיה׳, איך וועל זיין מיט דיר אינעם צוקונפט.

עס זענען אבער דא מענטשן, וואס אויך דער רצון צו תשובה טון איז באהאלטן און צוריקגעהאלטן פון זיי, אבער פונדעסטוועגן האבן זיי א רצון צו **וועלן** תשובה טון... און דאס מיינט מען ׳אֶהְיֶה אֲשֶׁר אֶהְיֶה׳, אז ער **וויל וועלן** זיין גוט – און אויך זיי טוט השי״ת אננעמען, און ער רעכנט זיי אזוי ווי זיי האבן שוין געוואלט תשובה טון, און אויך מיט זיי וועט דער אויבערשטער זיין, און דאס מיינט ׳אֶהְיֶה אֲשֶׁר אֶהְיֶה׳.

דעריבער האט ער איבערגע׳חזר׳ט און געזאגט: ״כֹּה תֹאמַר לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל ׳אֶהְיֶה׳ שְׁלָחַנִי״ כו׳, דאס מיינט, אויך אין אזא מצב פון ׳אֶהְיֶה אֲשֶׁר אֶהְיֶה׳, וואס ער וויל וועלן... וועט ער אויך גערעכנט ווערן, אזוי ווי עס שטייט ׳אהיה׳ בלויז איינמאל, און ער גייט אריין אין כלל פון די וואס ווילן תשובה טון, וְשִׂפְתֵי פִּי חָכָם חֵן.

***

עס האט מיר דערציילט אַן איש נאמן, וועלכער האט עס געהערט פון **כ״ק אדמו״ר מבלאזשוב זצוק״ל**, וואס אלץ פרישער יונגערמאן איז ער אמאל געפארן צו זיין זיידע הרה״ק המפורסם מבלאזשוב בעל **״צבי לצדיק״** זצוק״ל [דער רבי פון הרה״ק רבי אהרן ראטה זצוק״ל], און צוליב די טירדות האט ער פארגעסן מיטצונעמען די טלית ותפילין.

אנקומענדיג צו זיין זיידע צו נעמען שלום, האט ער אים צווישן אנדערע זאכן אויך דערציילט אז ער האט פארגעסן די טלית ותפילין, איז זיין הייליגער זיידע צוטרייסלט געווארן און געזאגט: מיילע די תפילין קען מען בארגן פון אן אנדערן, אבער וויאזוי קען מען פארגעסן די טלית – א מענטש ווייסט דאך נישט ווען זיין צייט וועט קומען, און מעגליך וועט ער עס דארפן האבן פאר קבורה [ווייל אין חוץ לארץ באגראבט מען מיטן טלית]...

אט די מעשה לערנט אונז אויס, און ווייזט אונז מיט לעבעדיגע פארבן דאס וואס אונזערע הייליגע חז״ל האבן אונז געלערנט אין מסכת שבת (קנג.): ״שׁוּב יוֹם אֶחָד לִפְנֵי מִיתָתְךָ. שָׁאֲלוּ תַּלְמִידָיו אֶת רַבִּי אֱלִיעֶזֶר, וְכִי אָדָם יוֹדֵעַ אֵיזֶהוּ יוֹם יָמוּת, אָמַר לָהֶן: וְכָל שֶׁכֵּן, יָשׁוּב הַיּוֹם שֶׁמָּא יָמוּת לְמָחָר, וְנִמְצָא כָּל יָמָיו בִּתְשׁוּבָה״.

״אָמַר רַבָּן יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי, מָשָׁל לְמֶלֶךְ שֶׁזִּמֵּן אֶת עֲבָדָיו לִסְעוּדָה וְלֹא קָבַע לָהֶם זְמַן, פִּקְחִין שֶׁבָּהֶן קִשְּׁטוּ אֶת עַצְמָן, וְיָשְׁבוּ עַל פֶּתַח בֵּית הַמֶּלֶךְ, אָמְרוּ כְּלוּם חָסֵר לְבֵית הַמֶּלֶךְ. טִפְּשִׁין שֶׁבָּהֶן הָלְכוּ לִמְלַאכְתָּן, אָמְרוּ כְּלוּם יֵשׁ סְעוּדָה בְּלֹא טֹרַח. בְּפִתְאֹם בִּקֵּשׁ הַמֶּלֶךְ אֶת עֲבָדָיו, פִּקְחִין שֶׁבָּהֶן נִכְנְסוּ לְפָנָיו כְּשֶׁהֵן מְקֻשָּׁטִין, וְהַטִּפְּשִׁים נִכְנְסוּ לְפָנָיו כְּשֶׁהֵן מְלֻכְלָכִין. שָׂמַח הַמֶּלֶךְ לִקְרַאת פִּקְחִים, וְכָעַס לִקְרַאת טִפְּשִׁים. אָמַר: הַלָּלוּ שֶׁקִּשְּׁטוּ אֶת עַצְמָן לִסְעוּדָה יֵשְׁבוּ וְיֹאכְלוּ וְיִשְׁתּוּ, הַלָּלוּ שֶׁלֹּא קִשְּׁטוּ עַצְמָן לִסְעוּדָה יַעַמְדוּ וְיִרְאוּ״.

***

איינער האט אמאל געפרעגט **דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו**, אז ער האט געטראפן אין די אלטע גריכישע שריפטן, אז איינמאל אין עטליכע הונדערט יאר איז דא א ׳נאטורליכע ערשיינונג׳ וואס געשעט דורך

# תְּשׁוּבַת יְמֵי הַשּׁוֹבָבִ״ים

**״וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל הָאֱלֹקִים הִנֵּה אָנֹכִי בָא אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וגו׳ וְאָמְרוּ לִי מַה שְּׁמוֹ, מָה אֹמַר אֲלֵהֶם״. ״וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים אֶל מֹשֶׁה, אֶהְיֶ-ה אֲשֶׁר אֶהְיֶ-ה, וַיֹּאמֶר כֹּה תֹאמַר לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶהְיֶ-ה שְׁלָחַנִי אֲלֵיכֶם״** (ג יג-יד).

א זעלטענע צוזאמטרעף צווישן דער זון און די לבנה, און דאס טוט צוברענגען אז עס זאל ווערן א גאר שטארקע שטורעם אינעם ים [צונאמי], אויף אזוי ווייט אז דורך די מעכטיגע ווינטן קען דער ים געשפאלטן ווערן. – אויב אזוי, האט דער משכיל געפרעגט, וואס איז די גאנצע גדלות און לויב אין די ניסים פון קריעת ים סוף, וויבאלד עס איז דאך נישטא אין דעם קיין שידוד מערכת הטבע, ווייל דער זאך עקזיסטירט דאך אין דער נאטור...

האט אים דער הייליגער בעל שם טוב געענטפערט: אפילו אויב עס וואלט געווען אזוי ווי דיינע ווערטער, איז דאך דאס אליין אז דער אויבערשטער האט אלעס צוגעפירט אז די אידן זאלן אנקומען צום ים סוף, אוועקגייענדיג פון פרעה און מצרים, פונקט אין די ריכטיגע מינוט וואס דער ים האט זיך צושפאלטן, וואס געשעט – לויט דיינע ווערטער – איינמאל אין עטליכע הונדערט יאר, איז דאס דאך א געוואלדיגער נס! אזוי האט אים דער בעל שם טוב הקדוש געענטפערט.

גלייך ווען דער מענטש איז ארויסגעגאנגען, האט זיך דער הייליגער בעל שם טוב געוואנדן צו זיינע תלמידים און ער האט געזאגט צו זיי, אז פאר אזא מענטש וועלן נישט העלפן אלע ענטפערס אויף דער וועלט, און דאס וואס ער האט אים געענטפערט איז נאר געווען לויט די נארישקייט פון זיין פראגע, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (משלי כו, ה) ״עֲנֵה כְסִיל כְּאִוַּלְתּוֹ״. דער עיקר איז אבער, אז מיר זאלן גלייבן מיט אַן אמונה פשוטה און לויטערע אמונה אין די ווערטער פון אונזער הייליגע תורה, און דער וואס וויל נישט גלייבן וועט אים דער יצר אלעמאל פארשאפן פארשידענע און מאדנע דריידלעך, און אויף יעדע ענטפער וואס ער וועט באקומען וועט ער אויפקומען מיט עפעס אַן אָפּפרעג.

דאס איז וויבאלד די אמונה איז איינגעווארצלט אינעם עצם נשמה פון א אידיש קינד, אינעם שורש און פינטל פון זיין חִיוּת, העכער פונעם דעת און שכל. די אמונה איז ביי אונז א ירושה וואס מיר האבן איבערגענומען פון אונזערע עלטערן וואס זענען געשטאנען ביים בארג סיני, און האבן געזען און געהערט דעם ״אָנֹכִי ה׳ אֱלֹקֶיךָ״ (שמות כ, ב), און פון אונזערע עלטערן און הייליגע רבי׳ס א דור נאך א דור, ביז אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם רֹאשׁ הַמַּאֲמִינִים. אויב אזוי, איז דאך די אמונה פון די פשוט׳ע נאטור פון די נשמה. דעריבער, איינער וואס בויט זיין אמונה אויף שכל און לאגישקייט איז זיך טועה, ווייל אויב דער יסוד פון זיין אמונה ווערט געבויט אויף שכל׳דיגע ראיות און באווייזן, וועט ער גאנץ שנעל קענען א טעות האבן אין זיי.

דעריבער איז זייער נישט ריכטיג דאס וואס מיר טרעפן אפט אין אונזער צייט, ביי אסאך פון די מחזירים בתשובה, וועלכע קומען מיט אט דעם וועג פון באווייזן און ראיות איבער די מציאות הבורא און די אמת פון אונזער הייליגע תורה, און זיי בויען די אמונה נאר איבער די שוועלן פון ״קלארע באווייזן״ וכדומה. – און נישט דאס איז די ריכטיגע וועג, נאר מען זאל מעורר זיין זייערע הערצער מיט ליבשאפט און נאנטקייט, און משפיע זיין אויף זיי קדושה, תורה און דעת, און דורכדעם וועט שוין פון זיך אליין אנגעצינדן ווערן דער פונק וואס געפינט זיך אין זיי, און מען זאל לאזן די נאטורליכע אמונה וואס געפינט זיך אין זייער נשמה, צו ווערן אנגעצינדן און אויפפלאקערן און בליען מיט שטארקייט, און נישט קומען מיט פארשידענע חקירות וכדומה כדי דערמיט זיי צו צווינגען אנצונעמען אויף זיך די אמונה, איידער עס איז געקומען איר צייט נתגלה צו ווערן אין זייער הארץ.

אט דאס איז די ריכטיגע וועג צו מקרב זיין אינו בני ישראל, אזוי ווי די ליכטיגקייט פון די מְנוֹרָה הַטְּהוֹרָה, וואס דער עיקר עבודה ביי איר איז געווען מיטן הֲטָבַת הַדֶּשֶׁן און איר אנצינדן עַד שֶׁתְּהֵא שַׁלְהֶבֶת עוֹלָה מֵאֵלֶיהָ אין די נשמות פון יִשְׂרָאֵל קְדוֹשִׁים.

***

**איינער פון די רבנים שליט״א** איז אמאל געפארן מיט א טענדער [ווען] פון עיה״ק ירושלים ת״ו קיין בית שמש, ווען אויפן וועג האט דער דרייווער נישט אכטונג געגעבן אזוי ווי עס דארף צו זיין, און איז אריבערגעפארן אן אנדער קאַר [אויטא] אויף אן אומגעזעצליכן אופן. צו זיין ענטוישונג, האט אים דארט ביים קומענדיגן דריי פונעם גאַס, אפגעווארט א פאַרקער פּאָליציאַנט [שוטר תנועה] וואס האט אים געכאפט ביי די האנט, און האט געוואלט גלייך פסל׳ען זיין לייסענס [רשיון] אויפן אָרט.

אין אנהייב האט דער דרייווער פראבירט רעדן צום פאליציאנט שטרענג, און אים ערקלערט מיט צארנדיגע רייד אז ער איז נישט גערעכט, און אזא זאך געבט נאכנישט דער רעכט פאר א פאליציאנט אים אוועקצונעמען זיין לייסענס, און אזוי ווייטער. זיין צארן האט אים אבער גארנישט געהאלפן, אינדערצייט וואס דער פאליציאנט האט זיך געהאלטן ביי זיינס מיט א זעלטענע עקשנות, זיך האלטענדיג צו זיין אויפגאבע מיט א געוואלדיגע עקשנות.

דער רב וועלכער איז געזעצן אין דער זייט, זעענדיג דעם מצב, האט ער געווינקען פארן דרייווער, אז ער ״זאל זיין קלוג, אנשטאט צו זיין גערעכט״, און רעדן צום פאליציאנט מיט ווייכע רייד, און אים פראבירן ערקלערן אז אן אנדערס מאל וועט ער דאס נישט טון, און זיך בעטן ביי אים אז ער זאל אים נישט צונעמען דאס לייסענס. – דער דרייווער האט אנגענומען די עצה פונעם רב, און האט זיך גענומען וויינען און בעטן ביים פאליציאנט, ערקלערנדיג אז ער איז א בעל משפחה און ער האט קליינע קינדער אינדערהיים, דעריבער זאל ער אים נישט צונעמען זיין לייסענס, וויבאלד ער מוז קענען דרייוון, שפייזנדיג דורכדעם זיין פאמיליע.

דאס האט אבער אויך גארנישט געהאלפן. דער פאליציאנט האט הארט געמאכט זיין הארץ ווי א שטיין, און מיט א געפערליכע אנטשלאסנקייט זיך געהאלטן ביי זיינס, אז מען גייט דא שוין אויפן פלאץ פסל׳ען דעם לייסענס!

אויך נאכדעם וואס דער רב איז בכבודו ובעצמו אראפגעגאנגען צום פאליציאנט, און האט זיך דערנידערט אליין צו בעטן פון אים און ממליץ זיין אויפן דרייווער אז ער האט דאס געטון אין א שווערע מינוט און ער וועט דאס שוין מער קיינמאל נישט טון, און ווי וויכטיג ער מוז קענען דרייוון, איז דער פאליציאנט נישט ווייכער געווארן!

ווען דער דרייווער האט אבער דערלאנגט פארן פאליציאנט זיינע דאקומענטן און זיין לייסענס קארטל, און דער פאליציאנט האט באטראכט דעם אדרעס פון דער דרייווער, האט ער צו זיין שטוינונג באמערקט אז דער דרייווער איז דער שכן פון זיין בעסטער חבר, און ער האט געפרעגט דעם דרייווער צי ער קען זיין שכן, דער און דער. **זיכער!** האט דער דרייווער געענטפערט, ער איז דאך מיין שכן פונעם זעלבן בנין, און איך בין שוין זיין גוטער חבר פון יארן צוריק, און מיר האלטן זיך

המשך אין עמוד ד׳ >

בסייעתא דשמיא

# שובו בנים שובבי"ם

לקראת ימי השובבים הבעל"ט
ניתן להשיג את ספרי הגה"צ המקובל

הרב **גמליאל הכהן רבינוביץ** שליט"א

**ספר "תיקון שובבי"ם השלם" עם "טיב התשובה"**

בו מתבאר תפילת '**עננו להרש"ש**' באריכות גדול באר היטב, עם הרבה הקדמות מתורת האריז"ל, [מומלץ מאד לאלו אשר עדיין לא נכנסו לגן הפרד"ס], וגם ניתוסף שם מה שיש לפלפל ולהקשות ולתרץ בדבריו הקדושים, וגם הערות והארות על דרך הנגלה בהלכות תשובה, וספר זה הוא תועלת מאוד למי שרוצה ללמוד ענינים אלו בעמקות ובעיון גדול.

**ספר "תיקון שובבי"ם" עם "טיב התשובה הקצר"**

שבו מתבאר בקצרה באר היטב כל הפירוש המובא בארוך, וספר זה הוא תועלת לאלו שכבר למדו לדעת פירוש תפילת עננו, ועתה רוצים לחזור בקצרה תוכן הענינים.

**חדש**

**קונטרס "תיקון שובבי"ם" עם "טיב התשובה המבואר"**

גדלה מעלתו שמבאר כל תיבה ותיבה ממש, באופן שהתיבה בא ופירושו עמו בסמוך לו, **למען יוכל המתפלל לכוון הכוונה הראויה בעת אמירת התיבה ממש.**

**קונטרס "תיקון שובבי"ם" עם "מסורת התשובה"**

והוא התפילה כמתכונתו, וסביב לו '**מסורת התשובה**' והוא שידע המתפלל והמכוון, על כל לשון התפילה מאין נחצבו מקורה קדוש, בכתובים ובדברי חז"ל וכתבי האריז"ל ותלמידיו.

**ספר "טיב התשובה - כל בו לשובבי"ם"**

הספר הזה נדפס מחדש בעריכה נאה בעט סופר מהיר שוה לכל נפש, אוצר כלי חמדה מקובץ לפונדק אחד ליקוטי בתר ליקוטי כל ענינים הנוגעים לעניני שובבי"ם במנהג ובהלכה, עצות וסגולות, תפילות, שיחות ומאמרים, עובדות וסיפורים, הכל בלשון קלילה ומבוארת.

**ניתן להשיג בחנויות הספרים המובחרות**

**הפצה ראשית "מרכז הספרים" פרידמן 03-6194114**

זייער נאנט, מיר רעדן אלעמאל צוזאמען מיט ברידערליכקייט, א.א.וו.

דא איז פלוצלונג איבערגעדרייט געווארן דער הארץ פונעם פאליציאנט, און ער האט געזאגט צו דער דרייווער: הער זיך צו, אין זכות פון דיין שכן, מיין גוטער חבר וואס איך האב אים זייער ליב און האלט אים זייער טייער, וועל איך דיר דאסמאל לאזן גיין אן קיין שום שולד, און אן צו דארפן גארנישט באצאלן! אבער פון היינט און ווייטער זאלסטו זייער אכטונג געבן נישט צו מאכן קיין שום פראבלעמען, וַיְהִי לְפֶלֶא.

ווען דער דרייווער האט זיך צוריקגעזעצט אויף זיין פלאץ צו פארן ווייטער, האט אים דער רב געזאגט: זע נאר ווי שטארק א גוטער חבר קען אויפטון! דער לערנונג וואס דער מעשה געבט אונז, איז דאך זייער קלאר – אויך ווען א מענטש האט נישט קיין שום זכות, און אפילו ווען די טויערן פון חנינה זענען פארמאכט פאר אים, פונדעסטוועגן אויב איז ער א חבר פון א גוטער מענטש, און איז מקושר צו די צדיקים וועלכע זענען באהאפטן צו די שכינה הקדושה, וועט ער דורכדעם אליין קענען זוכה זיין צו ווערן דערבארימט.

נאך א זאך וואס מיר קענען זיך אויסלערנען פון דער מעשה, אין דעם אליין וואס דער רב האט זיך אויסגעלערנט און פארשטאנען פון די מעשה. – אז פון יעדער זאך וואס פאסירט מיט א מענטש אויף דער וועלט, קען ער זיך לערנען און ער זאל זיך לערנען דערפון אין די וועגן פון השי"ת, און זען ארויסצונעמען דערפון וויאזוי זיך צו פירן. אזוי ווי אונזער הייליגער רבי **דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע האט אונז געלערנט**, אז יעדער זאך וואס א מענטש זעט אדער הערט אויף דער וועלט, קומט אים אויסלערנען עפעס א זאך אין זיין לעבן, און א הנהגה אין עבודת השם יתברך.

***

הגאון הצדיק **רבי אהרן כהן זצ"ל, משגיח פון ישיבת חברון**, פלעגט אסאך הארעווען צו צוברעכן די תַּאֲוַת הָאֲכִילָה, ער פלעגט שטענדיג רעדן דערפון אין די שמועסן און וַעֲדִים אין ישיבה, און ער האט זייער אסאך עוסק געווען אין אט די שווערע עבודה.

איינמאל איז ער אריינגעגאנגען צום הייליגן **חזון איש זצוק"ל**, און אים געבעטן אן עצה וויאזוי מדריך צו זיין די יונגע ישיבה בחורים איבערוויאזוי צו צוברעכן די תאות האכילה. האט אים דער הייליגער חזון איש געענטפערט מיט א שמייכל: זע נאָר, דער הייליגער '**קצות**' [בעל קצות החושן] האט נישט געהאט קיין שום אהנונג אין תאות האכילה! וויבאלד ער האט אלעס צובראכן דורכן זיך פלאגן אין די הייליגע תורה! און בשעת'ן עסן האט ער געטראכט און דורכגעטון נאך א שטיקל קצות!... און פון זיך אליין האט זיך אינגאנצן אפגעשיידט פון אים די תאות האכילה, און איז אינגאנצן בטל געווארן בְּשָׁרְשָׁהּ!

אזוי ווי די **ספרים הקדושים** (זע ספה"ק תולדות אדם לשובבי"ם ת"ת) טוען דאס אויפווייזן מיט א קלארע ראיה פון די מציאות! – אזוי ווי מיר זעען, אז ווען א מענטש איז עוסק אין תאוות עולם הזה, ווי צום ביישפיל אז ער שפילט זיך אין '**קאָרטען**' וואס איז געווען זייער מצוי אין זייערע צייטן, און היינטיגע צייטן זעט מען דאס ווי מענטשן ווערן פארקויפט און איבערגענומען דורכן זיך גליטשן אויפן 'אינטערנעט' [אינטערוועלט] הַיָּדוּעַ לְשִׁמְצָה, אדער מיטן זיך שפילן 'שאַך' [שחמט] אדער 'כדורגל' [פוט-באָל] וכדומה – וואס די תאוה ברענט אין אים גאר שטארק! אויף אזוי ווייט, אז ווער עס איז צוגעוואוינט דערצו, קען זיצן א גאנצע נאכט דערויף אין איין צי, אָן אז ער זאל דארפן עסן אינמיטן! – פון וואס קומט עס? – וויבאלד דער זאך איז אים זייער געשמאק, און ער גלוסט דערצו! דעריבער האט ער אלעס אפגעלאזט, און ער האט אינגאנצן פארגעסן אפילו צו עסן און טרינקען, וואס ער דארף דאך האבן כדי זיך צו האלטן ביים לעבן, און עס גלוסט אים בכלל נישט צו עסן.

אויב אזוי, איז דאך אוודאי און אוודאי אז ווען א מענטש איז עוסק אין די יגיעת התרוה הקדושה, איז דאך פשוט אז דורך די **עֲרֵבוּת נְעִימוּת מְתִיקוּת הַתּוֹרָה**, וועט ער נישט זיין הונגעריג און ער וועט נישט גלוסטן קיין שום אנדער זאך, און אלע אנדערע תאוות וועלן פון זיך אליין בטל ווערן.

אזוי ווי אונזער רבי **דער אור החיים הקדוש זצוק"ל** זאגט אין פרשת כי תבוא (דברים כו, יא) בִּלְשׁוֹן קָדְשׁוֹ הַחוֹצֵב לַהֲבוֹת אֵשׁ: "אֵין טוֹב אֶלָּא תּוֹרָה (אבות ו, ג), שֶׁאִם הָיוּ בְּנֵי אָדָם מַרְגִּישִׁין בְּמְתִיקוּת וַעֲרֵבוּת טוּב הַתּוֹרָה, הָיוּ מִשְׁתַּגְּעִים וּמִתְלַהֲטִים אַחֲרֶיהָ! וְלֹא יֵחָשֵׁב בְּעֵינֵיהֶם מְלֹא עוֹלָם כֶּסֶף וְזָהָב לִמְאוּמָה, כִּי הַתּוֹרָה כּוֹלֶלֶת כָּל הַטּוֹבוֹת שֶׁבָּעוֹלָם".

***

עס ווערט דערציילט אויף הרה"ק **דער רבי ר' רפאל מבערשיד זצוק"ל**, תלמידו הנאמן פון **דער רבי ר' פנחס מקאריץ זצוק"ל**, וועלכער איז געווען א געוואלדיגער איש אמת, אזוי ווי ער האט זיך געלערנט ביי זיין גרויסן רבי'ן אכטונג צו געבן אויפן אמת פון יעדער זאך.

איינמאל ווען איינער פון זיינע קליינע קינדער האט געהאלטן א גלאז און געטרינקען דערפון, האט זיך דער גלאז אויסגעגליטשט פון זיין האנט און האט זיך צובראכן. דער צדיק איז זייער דערשראקן אז דאס איז געשען ביי אים אינדערהיים, און האט זיך גענומען אויספארשן אלע שטוב מענטשן, צי איינער האט געטון עפעס אן אומרעכט, וואס צוליב דעם איז געקומען דער עונש מידה כנגד מידה אז עס האט זיך צובראכן דער גלאז. דער צדיק האט נישט גערוט, ביז ער האט אויסגעפינען די סיבה דערצו, וויבאלד עס איז געשען עפעס א כעס אין הויז רח"ל, וואס דאס האט צוגעברענגט אז דער גלאז האט זיך צובראכן.

**פון אט די מעשה קענען מיר זיך ארויסלערנען, אויף ווי ווייט דארף א מענטש זיך מתבונן זיין און באטראכטן זיינע וועגן, און אלעמאל נאכקוקן זיינע טריט, און זיכערמאכן אז ער גייט אויפן גוטן און גלייכן וועג. און פון יעדן קליינע שטרויכלונג וואס טרעפט זיך ביי אים, זאל ער זיך מעורר זיין צו פארריכטן דאס וואס דארף האבן א תיקון. – און צומאל ווען מען פאדערט פון אים דער רצון של מעלה מיט מער שטארקייט, אויב ער פארשטייט נישט זיין פליכט פון די ערשטע און קלענערע געשעענישן, דעמאלטס קומען שפעטער שווערערע געשעענישן רחמנא לצלן, כדי אים צו אויפטרייסלען און ערוועקן צו תשובה כידוע.**

***

הרה"ק **דער רבי ר' אהרן זצוק"ל בעל שומר אמונים**, פלעגט זיך אויסדרוקן אין זיינע שמועסן אין די ימי השובבי"ם, מיטן לשון 'חסידים שוטים', איבער די וועלכע ווערן נתעורר פון צייט צו צייט, און זיי טראכטן: וואס וועט זיין דער סוף? מען דארף תשובה טון! אוי וויי...

און אזוי ווי ער הייבט אן נתעורר צו ווערן און איבערטראכטן זיינע וועגן, פילט ער אז דאס איז א מרה שחורה פאר אים, ווייל עס טוט אים צוברענגען א שווערע עצבות געפיל, און ער לויפט כאפן א גלעזל יי"ש און טרינקט עס אויס, און דא ווערט שוין אויסגערינען די גאנצע התעוררות, און הצליח מעשה שטן אים צוריקצוקערן צו זיינע נארישקייטן...

דעריבער זאל מען זיך איינגעוואוינען, אז יעדן מאל וואס מען באקומט א התעוררות תשובה, אז מען זאל נישט ארויסגיין דערפון בלויז מיט א געפיל זיך צו דערנענטערן, נאר עס זאל זיין **למעשה ממש**. מען זאל זיך צוגעוואוינען אז יעדן מאל וואס מען איז **מְהַרְהֵר בִּתְשׁוּבָה**, צי עס איז ביי שלש סעודות אום שבת קודש אינדערצייט פון **רַעֲוָא דְרַעֲוִין**, אדער אין אנדערע צייטן פון תשובה, זאל מען טראכטן **למעשה'דיג און לאגיש**, וואו און מיט וואס מען דארף זיך פאררעכטן, וועלכע זאכן זענען פאסיג פאר אים און וועלכע זענען נישט פאסיג פאר אים, און מען זאל עס גוט דורכטראכטן און געפינען די וועגן וויאזוי זיך צו טוישן לטובה ולברכה **בפועל ממש**, אמן כן יהי רצון.

די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ **רבי גמליאל הכהן רבינוביץ** שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!

מכון טיב

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173